**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון פובליק האוזינג איבערבויאונג מיט 74 יוניטס אין נעסאו קאונטי

***איבערבויאונג פון Laurel Homes אין נארט העמפסטעד היט אויף אפארדעביליטי, פארשטערקערט זיכערהייט און לייגט צו נייע אפארטמענטס פאר עלטערע מענטשן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט פארענדיגונג פון די גרויסארטיגע איבערבויאונג ארבעט אויף Laurel Homes, א פריער-צופאלענע פובליק האוזינג קאמפלעקס אין נארט העמפסטעד'ס ראַזלין הייטס געגנט. דער פראיעקט האט ערזעצט אלטע געביידעס און פארברייטערט די דעוועלאפמענט צו 74 ענערגיע-שפארזאמע אפארטמענטס פון א הויכע קוואליטעט, אריינרעכענענדיג אכט פאר עלטערע מענטשן, אויף א מאדערנע פאמיליע-פריינטליכע קאמפלעקס.

"מיין אדמיניסטראציע'ס פארפליכטונג צו פארגרעסערן די צאל פון אפאָרדעבעל, ענערגיע-שפארזאמע אפארטמענטס ווערט פארווירקליכט אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר מאכן אנגייענדע אינוועסטירונגען צו פרעזערווירן און איבערפרישן אונזערע עקזיסטירנדע הייזער, אריינרעכענענדיג אין וויכטיגע פובליק האוזינג דעוועלאפמענטס ווי Laurel Homes. אזוי ווי מיר קוקן ארויס צו 2024 און ווייטער, וועל איך פארזעצן צו טוהן אלעס אין מיינע כוחות צו פארשטערקערן די סופליי פון האוזינג און העלפן זיכער מאכן אז פאמיליעס האבן א זיכערע, באקוועמע פלאץ וואו צו וואוינען."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) אויפגעבויט אדער פרעזערווירט מער פון 5,600 אפאָרדעבעל הייזער אין לאנג איילענד. Laurel Homes זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 הייזער צו נוצן עלעקטריציטעט.

Laurel Homes איז א פובליק האוזינג דעוועלאפמענט פון די נארט העמפסטעד פובליק האוזינג אויטאריטעט, צום ערשט געבויט אין 1958 מיט 66 יוניטס. די איבערבויאונג און אויסברייטערונג פון Laurel Homes ברענגט 74 אפארטמענטס אין אכט צוויי-שטאקיגע מאדולערישע געביידעס און א באזונדערע קאמיוניטי געביידע. די אפארטמענטס זענען א געמיש פון יוניטס מיט איין, צוויי, פיר און פינף שלאף-צימערן. אלע אפארטמענטס זענען געגוג ביליג פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט (Area Median Income).

Laurel Homes איז דעזיינט געווארן אין איינקלאנג מיט ענערגיע-שפארזאמקייט און גרינע געביידע סטאנדארטן ווי געפאדערט צו קענען באקומען Energy Star און Enterprise Green Communities סערטיפיקאציעס. ענערגיע-שפארזאמע אייגנשאפטן וועלכע זענען אריינגעבויט געווארן אין די דעוועלאפמענט רעכענען אריין געביידע ווענט וואס זענען גאר ווירקזאם מיט היץ, LED באלייכטונג, שפארזאמע וואסער הייצערס און סערטיפייד וואסער-שפארנדע איינריכטונגען.

די דעוועלאפמענט'ס נייע קאמיוניטי געביידע האט קאמפיוטערס, מאשינען צו וואשן וועש און א שפילארט. דער איבערבויאונג פראיעקט האט אויך פארשטערקערט סעקיוריטי אייגנשאפטן, מיט נייע קאמעראס אינסטאלירט ארום די קאמפלעקס צו העלפן פארזיכערן די איינוואוינער'ס זיכערהייט. די קאמפלעקס איז בלויז א קורצע שפאציר אוועק פון די לאנג איילענד רעילראָוד'ס ראַזלין סטאנציע.

די דעוועלאפמענט מאנשאפט איז די נארט העמפסטעד האוזינג אויטאריטעט און Georgica Green Ventures, LLC.

סטעיט פינאנצירונג פאר די 50 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט רעכנט אריין 17 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס, 10 מיליאן דאלאר אין באנדס וואס זענען פערמאנענט פטור פון שטייער און 14 מיליאן דאלאר אין סאָבסידי פון HCR. נעסאו קאונטי האט צוגשטעלט 1 מיליאן דאלאר.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די ברייטע איבערבויאונג ארבעט אויף Laurel Homes האט פרעזערווירט צענדליגע קריטיש-נויטיגע אפאַרדעבעל אפארטמענטס פאר עלטערע מענטשן און פאמיליעס אין לאנג איילענד. דורכן ערזעצן פארעלטערטע פובליק האוזינג, קענען מיר היטן אויף אונזער האוזינג סופליי אויף די לאנגע טערמין, און מיר מאכן דערמיט אויך זיכער אז מער ניו יארקער קענען וואוינען און ארבעטן אין קאמיוניטיס פון זייער אויסוואהל. א דאנק פאר די נארט העמפסטעד האוזינג אויטאריטעט, פאר Georgica Green Ventures און פאר אלע אונזערע שותפים וועלכע האבן געשפילט א צענטראלע ראלע ביים מאכן די נייע היימער פאר א רעאליטעט."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שוּמער האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו שטיצע קריטישע פעדעראלע פינאנצירונג, אריינרעכענענדיג 14 מיליאן דאלאר אין נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט, פאר נארט העמפסטעד. דער פראיעקט פארמערט צוטריט צו זיכערע, אפאָרדעבעל הייזער פון א הויכע קוואליטעט פאר לאנג איילענד, און עס געפונט זיך א קורצע שפאציר אוועק פון די לאנג איילענד רעיל ראָוד פאר גרינגע טראנספארטאציע. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און די סטעיט'ס שותפים פארן פארגרעסערן די צאל אפאָרדעבעל היימער אריבער ניו יארק, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן פאר- און אהערשטעלן פעדעראלע געלטער וועלכע פארשטערקערן אונזערע קאמיוניטיס, העלפן צושטעלן מער האוזינג אפציעס און פארבעסערן ניו יארקער'ס קוואליטעט פון לעבן."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשינע סיליטי האט געזאגט,** "איך וויל גראטולירן די נארט העמפסטעד האוזינג אויטאריטעט פאר די געוואלדיגע רענאוואציע און איבערבויאונג פון די Laurel Homes אין ראַזלין הייטס. די רענאוואציעס האבן געברענגט די אפארטמענטס צו זיין אין איינקלאנג מיט הויכע סטאנדארטן אוועקגעשטעלט דורך נארט העמפסטעד'ס פובליק האוזינג. זיי גאראנטירן אז איינוואוינער קענען געניסן פון בכבוד'דיגע וואוינען אומשטענדן און שטאלצערהייט היטן אויף נארט העמפסטעד אלס זייער היים. איך בין באגייסטערט ביז גאר זיך צו אנשליסן מיט די קאמיוניטי ביי די באנייאונג צערעמאניע, ווייטער פארשטערקערנדיג אונזער הערליכע קאמיוניטי צוזאמען."

**טאון אָוו נארט העמפסטעד סופערוויזאר, דזשעניפער דעסינע, האט געזאגט,** "די איבערבויאונג פון Laurel Homes איז פריידיגע נייעס נישט נאר פאר די 350 מענטשן און פאמיליעס וועלכע וואוינען דארט, נאר אויך פאר די קאמיוניטי פון ראַזלין און די טאון אָוו נארט העמפסטעד. דורכן פרעזערווירן און פארבעסערן Laurel Homes, פארבעסערן מיר די קוואליטעט פון לעבן פון אונזערע איינוואוינער און מיר שטופן פאר געזונטע קאמיוניטיס און שטיצן די לאקאלע עקאנאמיע. א דאנק פאר די נארט העמפסטעד האוזינג אויטאריטעט פאר זייער אנגייענדע פארפליכטונג צו פארבעסערן די לעבנס פון די וועלכע פאררופן אונזער קאמיוניטי אלס א היים און פאר די מאנשאפטן וועלכע זענען פארמישט אין די הערליכע טראנספארמאציע."

**טאון אָוו נארט העמפסטעד קאונסיל מיטגליד, פיטער זוקערמאן, האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די Laurel Homes איבערבויאונג איז א גרויסארטיגע ערגרייכונג פאר די טאון אָוו נארט העמפסטעד. דער טראנספארמאטיווער פראיעקט טוט נישט נאר אויפפרישן אונזער פובליק האוזינג נאר עס איז אויך א מוסטער פון די פאזיטיווע השפעה פון צוזאמענארבעטנדע אינציאטיוון אין וועלכע די טאון ארבעט האנט ביי האנט מיט גאווערנער האקול. די איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט און מאדערנע, ענערגיע-שפארזאמע היימער שטרייכן אונטער אונזער געמיינזאמע פארפליכטונג צו באַרייכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אונזערע איינוואוינער."

**נארט העמפסטעד האוזינג אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, שאן רעיני, האט געזאגט,** "די נארט העמפסטעד האוזינג אויטאריטעט איז איבערגעגעבן צו צושטעלן זיכערע, ריינע האוזינג וואס וועט פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר די פילע פאמיליעס וועמען'ס היימער זענען אין אונזער קעיר. מיר זענען שטאלץ מיט די געבורט פונדאסניי פון Laurel Homes, און מיר זענען דאנקבאר פאר די איבערגעגעבנקייט פון די פילע פראפעסיאנאלן וועלכע האבן דאס געמאכט געשעהן. א דאנק פאר ניו יארק סטעיט, האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל, די מאנשאפטן פון Boston Financial, די פעדעראלע היים הלוואות באנק פון ניו יארק (Federal Home Loan Bank of New York), Flushing Bank, JP Morgan Chase און Georgica Green Ventures פארן גלויבן אין אונזער חזון פאר Laurel Homes און פארן עס מאכן פאר א רעאליטעט."

**פרעזידענט פון Georgica Green Ventures, LLC, דעיוויד געלאָו, האט געזאגט,** " Georgica Green Ventures איז באגייסטערט צו ברענגען די הערליכע האוזינג צו די איינוואוינער פון Laurel Homes און די ראַזלין קאמיוניטי. די ענערגיע-שפארזאמע, טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט מיט א שפע פון דרויסנדיגע אפענע שטח פאר איינוואוינער און זייערע פאמיליעס קומען נאך די העכסטע סטאנדארטן פון קוואליטעט און ווירקזאמקייט, און עס וועט ברענגען א זיכערע, ריינע און הערליכע היים פאר אירע איינוואוינער. מיר זענען דאנקבאר צו ווידעראמאל ארייננגיין אין א שותפות מיט די נארט העמפסטעד האוזינג אויטאריטעט אויף דעם וויכטיגן פרעזערווירונג פראיעקט, און איך ווייס אז די געבורט פונדאסניי פון Laurel Homes וועט באַרייכערן די לעבנס פון אירע איינוואוינער און די גאנצע קאמיוניטי פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן